בס"ד

# בולעטין

# וועד הכשרות

## ארגון מוקדש לתיקון מצב הכשרות

**באמצעים של בירור, חקירה ודרישה, התיעצות,הודעה, והצעה**

**חודש אלול - תשרי תשל"ז-ח**

***אל אחינו אנשי שלומינו, שלומי אמוני ישראל בארצות הברית וקנדה!***

הקריאה הגדולה אשר קרא משה רבינו בשער המחנה באותה שעה שראה את העגל והמחולות... של הערב- רב, אותה הקריאה הננו קוראים הפעם גם אליכם: **מי לה' אלי!** שימו כבוד לד' ולתורתו, התעוררו על כבוד קדושת ישראל שכל קדושתה התליוה בסכנה גדולה, **ולא עת לחשות!**

### האמת לאמיתו - שאלות ותשובות

שאלה: ווי אזוי איז הרב משה ביק פון בארא פארק א תלמיד מובהק פון ישיבה יוניווערסיטי געווארן פלוצלינג אזוי גרויס אז מען האט איהם אריינגענומען אין די התאחדות הרבנים און ער איז גאר דער קופץ בראש, ער נעמט פשוט איבער גאנץ סאטמער, וואס בימים כתיקונים וואלט מען איהם מחרים ומנדה געווען, ווי אזוי האט זיך סאטמאר אראפ געקייקעלט אויף אזוי ווייט זענען זיי אראפ אין תהום אין שאול תחתית?

וואס איז מיט זיי געשעהן?

ווי זענען אלע זייערע קנאים?

איז טאקע שוין נישטא קיין איין ערליכער איד אין סאטמאר?

ווי אזוי איז צוגעקומען איבערצונעמען די סאטמערע מלוכה ער זאל קענען טוהן מיט איר וואס זיין הארץ גליסט?

תשובה: מעשה שהיה כך היה: אין שנת תשל"ו האט הרב ביק מסדר געווען 3 גיטין א טאג, ער האט געהאט איינעם א ליטווישען יונגערמאן וואס האט ביי אים גענומען שימוש אין איהם געהאלפן צו די גיטין.

דער יונגערמאן הייסט הרב משה פארקאש שליט״א.

ווען דער האלמינער רב איז ארום געגאנגען צו אלע ישיבות האלטן דרשות מען זאל וויסען אז מען עסט זיך אן מיט נבילות וטריפות בי די גרויסע שחיטות פון וויינלאנד ווי מען קוילעט 1200 עופות אין איין שעה איין שוחט. איז דער האלמינער רב אנגעקומען צו די ישיבה חיים בערלין, ער האט געהאלטן דארט א דרשה, דער יונגערמאן הרב משה פארקאש זאגט אינמיטן די דרשה פאר איינעם איך וועל באלד נעמען דעם יונגערמאן איך וועל אים ווייזען אז אונז קען מען נישט איינרעדען וואס מען וויל.

נאך די דרשה קומט דער משה פארקאש צו צום האלמינער רב אין זאגט איהם קומט מיט מיר צום ראש ישיבה.

דער האלמינער רב גייט צו מיט איהם צו הרב הגאון הגדול הרב הוטנער שליט״א. דער ראש ישיבה פרעגט אויס דעם האלמינער רב פארשידענע שאלות, ער האט דאך גיט געקענט יו״ד, צום סוף האט הרב פארקאש געזאגט דעם האלמינער רב, ווי אזוי קען איך מיך אליין איבערצייגען דעם אמת?

האט אים האלמינער רב געענפערט, נישט קיין פראבלעם, אויב איר זענט געשיקט, ביז אפאר שעה לערן איך אייך אויס קוקן א חליף, איך קען אייך געבען חלפים מיט שטיינער, איך לערן אייך אויס בחינם, איך זאג אייך אלעס וואס מען דארף נאך קוקען, איך גיב אייך א ליסט וואס איר דארפט זעהן, (דער האלמינער רב גיט איהם צו: איר וועט אריין קוקען אין דעם טשעק ליסט אין אנצייכענען די אלע פרטים פונקט אזוי ווי א גאווערמענט אינוועסיגעיטער), איר קענט אליין גיין צו די שחיטה, איר וועט אלעס טרעפן וואס איך זאגט אייך, און אפשר נאך מער.

אומר ועושה. הרב פארקאש האט זיך אלעס שנעל אויסגעלערנט, ער איז געפארן צו די שחיטה, ער האט אלעס אליין געזעהן.

אין די זעלבע צייט האט דער האלמינער רב ארויס געשיקט בריוו צו אלע רבנים באשריבען אלעס וואס עס טוט זיך ביי די שחיטה. הרב ביק האט אויך באקומען די בריוו. הרב משה פארקאש האט געזאגט פאר הרב ביק אז ער האט זיך איבערצייגט ער האט אלעס אליין געזעהן אלעס איז אמת וואס ער שטייט אין די בריוו. אויך אויך הרב פארקאש צו געגעבען אז ער איז געוווען ביי שחיטות גסות עס איז נורא ואיום וואס דארט קומט פאר!

הרב משה ביק איז ארויס דעמאלטס מיט א דרשה אז די אלע עופות פון וויינלאנד זענען טריפה ווי חזיר. אויך האט הרב ביק נאך געהאלטן א דרשה אין געזאגט אז אלע בהמה פליישען זענען נבילות וטריפות חלב ודם, עס זענען נאך דא אסאך וואס געדענקען די דרשה, אדרבה אינטערעסירט אייך וועט איר הערן.

די אלע ליטווישע ישיבות האבן באלד אויפגעהערט צו קויפן עופות פון וויינלאנד.

דער סדר ביי א גרויסע ביזנעס און אויך ביי שחיטה איז: אז 80 פראצענט פון די ביזנעס דעקען די הוצאות, און די איבריגע 20 פראצענט ברענגען די רווחים.

אזוי ווי אלע ליטווישע מוסדות און זייערע תלמידים האבן אויפגעהערט צו נוצען די עופות, האט וויינלאנד פארלארן די 40% - 20 פראצענט, ביז זיי זענען געגאנגען באנקראט.

די בעלי בתים פון די שחיטה די שוחטים מיט די רבנים זענען נישט קיין נארנים, זיי האבען אפגעקויפט די גאנצע ביזנעס פון די בנק פאר שפאט ביליג, און מען פאנגט אהן א נייע ביזנעס מיט א נייעם נאמען, אבער וואס טוט מען אויפצוהייבען צוריק די מאלטי מיליאן ביזנעס שחיטה? דער עולם האט דאך פארלוירען דאס נאמנות?

זיי האבן אנגעפאנגען צו טערארעזירן דעם דעברעצינער רב שליט״א, (זעה שחיטה - בולעטין), די זעלבע זאך האבען זיי טעראריזירט הרב ביק'ן, עס איז נישט געגאנגען מיט טערער, ווייל ער געווען א שארפער מענטש, האבען זיי פראבירט מיט געלט איז אויך נישט געגאנגען. ביז ביז זיי האבן איהם צו געזאגט אז מען וועט איהם אריינעמען אין די התאחדות הרבנים מען וועט איהם געבען די גרעסטע טילען כבוד וויפיהל עס איז מעגלעך, אבער נאך מער פון אלעם, מען וועט איבער געבען אלע גרויסע פאזיציייעס פון כשרות מקוואות ועוד אין די הענד פון זיינע קינדער און איידעמער.

הרב ביק טראכט ביי זיך – אוי ווי גיט איז מיר געלונגען, איך האב מיך אויף אזא געוואנס קיינמאל אין מיין לעבען זיך נישט געראכטען, נאר אויך מיינע טייערע קינדער אין איידענער זאלן זוכה זיין צו האבען אזא כבוד?

וואס טוט מען נישט פאר כבוד? - דאס איז דאך דער עיקר וואס הייינטיגע רבנים טראכטען זייער גאנצ' לעבען?

---

1. עס איז אינטערעסאנט צו פארציילען, בשעת דער האלמינער רב האט געגרינדעט דעם וועד הכשרות דהתאחדות הקהילות (מיט'ן דעברעצינער רב שליט"א בראש) איז ער געגאנגען צו אסאך גדולי הרבנים פון יוראפ פרעגען אויב זיי ווילען זיין בראש פון וועד הכשרות, זיי האבען נישט געדארפט גארנישט טוהן, נאר ניצען זייער נאמען. דער האלמינער רב האט שוין געהאט דעמאלט צענדליגע ליטווישע מיט אמת'ע חסידים וואס זיכען דעם אמת און ווילען עסען א כשר שטיקעל פלייש.
עטליכע רבנים האבען פארשטאנען אז דער וועד הכשרות גייט מגלה זיין די אלע גרויסע פראבלעמען וואס עס טוט זיך אפ אויף דעם כשרות פעלד. (מיר ווייסען דאך אז די צדיקים אין יוראפ האבען געזאגט אויף אמעריקא, אז יעדער אין אמעריקא האט א חזיר'ל אין זיין בויך נאר איינער א גרויסען און איינער א קלייינעם) זיי האבען געוואוסט אז סאטמער איז נומער איינס וואס זיי זענען די גרעסטע מאכיל טריפות פאר חסידישע מיט ליטווישע אידען שומרי תורה ומצוות. האבען די רבנים געענפערט פאר האלמינער רב, אנטשולדינגט מיר, מיר געדענקען וואס סאטמער האט געטוהן אין יוראפ, (עס איז אלעס אפגעדריקט געווארן א צייטונג אין טראנסלאוואנייע), זיי האבן גערודפט רבנים ממש עד כדי הריגה. גדולי ישראל האבען דעמאלטס געזאגט, אז דער גאנצער חורבן פון היטלער ימ"ש איז געקומען נאר צוליב די מחלוקת, ווי מיר געפונען אין חז"ל אז דאס בית המקדש איז חרוב

אומר ועושה מען שרייבט אפ מיט איהם א קאנטראקט, ער נעמט שוין איבער די מקוה אין בארא פארק, דעם וועד הכשרות פון די התאחדות הרבנים.

די התאחדות שיקט איהם מיט זיין זיהן, געבען הכשרים אויף מקוואות איבער גאנץ אמעריקא[2], ער איז געווארן יושב ראש, עומד בראש ביי די התאחדות הרבנים. ביי אלע דרשות האט מען איהם געלאזט רעדען וואס עס האט זיך איהם געגליסט. מען קען הערן די טעיפס, (אויב איר ווערט אויסהערן די טעיפס ווערט איר אלע פארשטיין וואס מיר שרייבען דא אין בולעטין, צו קיין בארשט דארף מען נישט קיין ציין).

רבותי אזוי איז געבוירן דער עגל דער "ביק" - "ויצא העגל הזה"!

יא אזוי איז מקוים געווארן דער "קרא משה ביק בשער המחנה פון התאחדות הרבנים", באותה שעה ראה את העגל והמחולות של הערב-רב, אלע טאנצען מיט איהם. הגם וואס נישט אלע רבנים האבן פארשטאנען וואס דא גייט פאר, (חוץ די געציילטע בעלי מכשירים וואס האבען געוואוסט אז מיט איהם וועט מען פארדעקען אלע זייערע שייגעץ שטיק, אין די ביין וועט פארן ווייטער), ווי מען הערט ביי די אסיפות אויף די טעיפס, מען מערט, מען זעהט אז מען לאכט זיך אויס פון איהם. אבער דער עגל טאנצט, ער זיצט בראש. אין אנשטאט מען זאל שרייען **מי לה' אלי!** שרייט מען מי לעגל הכבוד אלי!

מען מאכט א שטורעמדיגע אסיפה ביי די התאחדות מען לייקענט אפ און מען דריקט אפען אין דער איד בשם כל הרבנים וואס זענען דארט געווען אז עס איז נישט פארהאן א מציאות בעולם אז מען זאל שעחטן 1000 עופות אדער 1200 איין שוחט אין איין שעה דארט ווי טויזנטער גוים און אלע ווידיאס זעהט מען ווי שנעל די שחיטה גייט, אבער איז דען דאס דער ערשטער ליגענט וואס די התאחדות פארקויפט, זיי האבען שוין לאנג פארלוירן די בושה פון שרייבען אפענע שקרים.

יא רבותי מען האט דעמאלטס בשעתו מבייש געווען אפאר ערליכע רבנים וואס האבן בכלל נישט מסכים געווען אז זייער נאמען זאל שטיין אז דעם שקר'דיגן שחיטה ארטיקעל, אזוי

---

געווארן נישט צוליב עבודה זרה, נאר צוליב מחלוקת אין שנאת חינם, ומיום בריאת העולם איז אזא שנאת חינם נאך נישט געווען ווי זיי פירן אהן. ווער האט כוח צו האבען צו טוען מיט זיי? מיר האבען שוין מיט געמאכט די לאגערס, מיר זענען צו שוואך.

אן אנדערער רב האט געזאגט: איך וויל האבען א גרויסע לוי', און אויב איך וועל זיין דער אנפירער פון וועד הכשרות וועל איך נישט האבען קיין מנין ביי די לוי'! – יא עס איז נישט קיין געלעכטער, דער היליגער ספר קב הישר מיטן שבט מוסר ברענט דאס אראפ אז דער נפטר וואלט זיך גערען אויסגעדרייט צו קיקען וויפיל מענשטען עס באגלייטען איהם, אפילו נאך דעם אלעם וואס ער האט שוין געזעהן דעם מלאך המות מיט טויזנט אויגן מיט שפיזען טראכט ער נאך אלס פון כבוד. ווייל אויף דעם האט ער געארבעט זיין גאנץ לעבען.

2. ווען איינער רופט אהן פון גאנץ אמעריקא צום התאחדות הרבנים מיר דארפן א רב צו בוין א מקוה, האבען זיי באקומען דעם גאנצען אטאריטעט. דאס מיינט צו זאגען, אז די התאחדות הרבנים גייט זיין דער גרעסטער בית ה'שמד אויס'שמד'ן גאנץ אמעירקא מיט איין שאס.

צו אזוי! [קוקט אביסעל דורך די היסטאריע פון כשרות אין אונזערע מדריך הכשרות ווערען שחיטה, וועט איר אליין זעהן מיט אייערע פליישיגע אויגן און פארשטיין וואס מיר שרייבען דא].

די רבנים קענען שרייען חי וקים, ווי קומט איר שרייבען אין מיין נאמען?

האב איך דען מסכים געווען צו דעם?

האט מען דען מיר באצאלט געלט דערפאר מען זאל נוצען מיין נאמען?

די שקרים וכזבים זענען שוין לאנג אפגעדריקט אין דער איד! - יעצט גיי שריי חי וקים! - די רבנים האבען זיך טאקע אפגערעט, אבער דאס קענען זיי טועהן ביי זיך אין בית המדרש, אבער דער שופר דער איד שרייט דאך אין זיין נאמען איבער די גאנצע וועלט!

אזוי איז דער ביק געווארן דער הויפט רב אין סאטמער.

רבותי געדענקט!

עס וועט קומען א צייט וואס דער ביק מיט די התאחדות וועט אונז גאנץ סאטמער אויס'שמדין, לויט דעם מצב וואס דער היינטיגער סאטמערער רבי האט אנגעווארטשאפט אלס צוליב די פאר דאלער וואס ער איז א שותף אין די שחיטה, דאס איז די גרעסטע שחיטה אויף די סאטמערע חסידים.

געדענקט היטלער ימ״ש האט נאר געהארגעט גופים, יעצט גייט מען אויסהארגענען די הייליגסטע נשמות וואס רבינו הקדוש האט זיך געלאזט גיסען זיין בלוט, מיט טרערען עס זאל אויפוואקסען א דור דעה, אבער יעצט נאך די מעשה וועט סאטמער זיך קייקלען אזוי ווייט אראפ רח״ל. ימים ידברו.

## אין עונשים אלא אם כן מזהירין! ראו הזהרנוכם!

ואתה אתם היראים וחרדים לדת קדשינו, אל תאבו ואל תשמעו לדברי פורקי עול אלו, סורו נא מעל אהלי הרשעים וכו׳, והשומע לדברינו ישכון בטח ושאנן, ואנחנו את נפשינו הצלנו.

ומעתה ידע קהל עדת היראים והחרדים לדבר ה׳ להזהר מלהלכד חס ושלום ברשת המתנכלים בתחבולותיהם הערמומיות מעצת נחש הקדמוני לפרוץ פרצות חס ושלום בחומת דת קדשינו והפורץ גדר וגו׳, והשומע לדברינו יתברך בכל הברכות האמורות למקיימי התורה וישכון בטח ושמור. וה׳ יבער הקוצים מן כרמו ונזכה לראות בנחמות ציון וירושלים בב״א.

**וועד הכשרות דהתאחדות הקהילות דארצות הברית וקנדה**